גליון שנ"ב

פ' פנחס תשפ"ד לפ"ק

מרומם זיין עבודת התפלה וקדושת ביהמ"ד מיט די "הייליגע קבלה" נישט צו רעדן ביים דאווענען

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

**רֵיחַ נִיחֹחִי תִּשְׁמְרוּ לְהַקְרִיב לִי בְּמוֹעֲדוֹ:**

"**תשמרו**" איז א לשון פון "ווארטן", [ווי עס שטייט (בראשית לז, יא) "ואביו שמר את הדבר"]. דער פסוק זאגט: איר זאלט ווארטן א גאנצן טאג מיט גלוסטעניש אז עס זאל שוין קומען די צייט צו מקריב זיין דעם קרבן תמיד.

די זעלבע זאך איז מיט תפלה נאכן חורבן בית המקדש, וואס חז"ל לערנען אונז אז: "**תפילות כנגד תמידין תיקנו**" (ברכות כו:). דער מענטש דארף אלעמאל ארויסקוקן און ווארטן צו קענען מתפלל זיין פאר'ן בורא כל עולמים.

דער גאנצער טאג דארף זיין א טפל צום עיקר, וואס דאס איז די צייט ווען מען שטעלט זיך דאווענען, און לויט וויפיל תשוקה מען האט צום דאווענען, אזויפיל איז מען זוכה צו סייעתא דשמיא, צו מצליח צו זיין בעז"ה אין עבודת התפלה.

(שפת אמת)

## סוד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הרה"ק רבי משה קורדובירו זצ"ל
במח"ס תומר דבורה ועוד – כ"ג תמוז ש"ל

**הָרָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִמִּילִין שְׁ'תִיקָה יָ'פָה בִּ'שְׁעַת הַ'תְּפִלָּה הֵן אוֹתִיּוֹת שֵׁיבָ"ה, שֶׁמִּי שֶׁנִּזְהָר בַּדָּבָר וְעוֹנֶה אָמֵן וְאָיְשְׁ"רַ זוֹכֶה לַאֲרִיכוּת יָמִים וְשֵׂיבָה טוֹבָה.**

(ספר הפנים, ובשו"ת באר משה, ח"ז, סי' קט)

## הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

# "פון איין זאך האט ער א מורא'דיגע שרעק, אז לאחר מאה ועשרים זאלן אים די ווארעמלעך נישט אויפעסן..."

**הרב** אברהם גרוס שליט"א, דער מייסד פונעם הייליגן מפעל 'ומקדשי תיראו' בירושלים עיה"ק, וועלכער טוט גאר אסאך למען 'מורא מקדש' אין פילע קהילות בישראל, גיבט אונז איבער די פאָלגנדע געשיכטע. מיר געבן עס איבער אין זיין שפּראַך.

*

איך וועל דערציילן א מעשה וואס איך האב געהערט פון כלי ראשון:

ס'איז געווען א בחור פון א געוויסער ישיבה, וועלכער האט שטארק געגליטשט. באמת שוואַך געוואָרן נעבעך, און יעדער איז שוין געווען מיואש פון אים און פון זיין אויפפירונג. ער איז נאָך געקומען אין ביהמ"ד, אָבער נישט געדאַווענט קיין וואָרט. ער האָט נאָר גערעדט און געשטערט יעדן איינעם. 'גאָרנישט' האָט נישט געהאָלפן אים אָפּצושטעלן פון פלוישן בשעת התפילה.

מ'האָט פּרובירט בדרכי נועם, נישט מיט'ן שרייען און נישט מיט'ן אָנשרעקן, נאָר איידעלערהייט זיך געבעטן ביי אים ער זאָל נישט שטערן דעם ציבור וואָס וויל דאַווענען, אָבער גארנישט האט נישט משפיע געווען. דער בחור איז געווען נעבעך אינגאַנצן פאַרטעמפּט און פאַרשטאָפּט, לא עלינו. מ'האָט פשוט נישט געוואוסט וויאַזוי מ'גיט זיך אַן עצה מיט אַזאַ אָנשיקעניש.

איין טאג, צו אַלעמענ'ס וואונדער, האט דער בחור געמאכט א פלוצים'דיגער שארפער דריי אויף צוריק, ער איז פשוט געווארן א בעל תשובה גמור אין אלע הינזיכטן! ער איז איינפאַך געוואָרן אַ פולקאָם נייער מענטש, פשוט נישט צום דערקענען!

דער גרעסטער טויש האט זיך אָנגעזען אין זיין עבודת התפילה. ער איז געווארן א 'דוגמא', אַ מוסטער, אַ סימבאָל, פאַרן גאַנצן ביהמ"ד וויאַזוי דאָס דאַווענען דאַרף צוגיין! מיט אַ ברען, אַ קאָך, אַן ערנסטקייט און געהויבנקייט, שטייענדיג אויף איין פלאַץ פון אָנהויב ביז צום סוף, ממש וואונדער איבער וואונדער!

פאַרשטייט זיך, אַז ווען ס'פּאַסירט אַזאַ דראַמאַטישער טויש - פון די טיפע וויסטענישן ביז צו די העכסטע ספערן - וויל יעדער וויסן וואָס דאָ האָט פּאַסירט. יעדער האָט זיך געוואונדערט. און טייל, וועלכע האבן זיך געשפּירט נאנטער מיט אים, זענען אפילו צוגעגאנגען פרעגן: "וואָס איז געשען מיט דיר, וואָס האָט גורם געווען דעם גרויסן טויש לטובה, ממש מבירא עמיקתא לאיגרא רמא?"

אָבער, ער האָט זיך געהאַלטן פאַרמאַכט. שטיל. ער האָט אַ שמייכל געטון, זיך אויסגעדרייט און געגאַנגען ווייטער זיין וועג. ער האָט נישט געוואָלט רעדן דערפון.

נאך א שטיק צייט, ווען ס'האט זיך פּונקט געמאַכט אַ 'גוטער מינוט', און ער איז געווען אויפגעלייגט און רעדעווודיג, האָט ער זיך גענומען דערציילן זיין געשיכטע, בשעת די מתפּללים אַרום הערן אים אויס מיט גרויס וואונדער און אינטערעסע.

האָט ער דערציילט אַזוי, אַז איין טאג האט ער געזען הענגען א מודעה וואָס האָט אַנטהאַלטן עטליכע הבטחות וואס רבי חיים פאלאג'י זצ"ל האט צוגעזאגט פאר דער וואס וועט זיין שטיל אין בית המדרש, און דאָרט אויף דער רעקלאַמע איז געווען אויך אָפּגעדרוקט די פאָלגנדע מעשה וואָס איבערצייגט דעם הפלא'דיגן כח פון די הייליגע הבטחה.

אט איז דער נוסח פון יענעם טאָוועל און דער לשון פון די מעשה:

*

«««««

## נֹעַם שִׂיחַ

דבר המערכת • הרב ב. צ. הירש

# רבות מחשבות

**צ**ום הייליגן **אמרי חיים זצ"ל** איז אמאל געקומען א חסיד זיך אויסרעדן: "הייליגער רבי, מחשבות זרות שטערן מיר בשעת'ן דאווענען, און איך קען מיך נישט מתגבר זיין אויף זיי, וואס קען איך טון?"

האט זיך דער רבי צעשמייכלט און געזאגט: "לאמיר זען וואס זענען די 'מחשבות זרות' פון וואס דו רעדסט. ווען א מענטש שטייט אויף פארטאגס, ער טובל'ט זיך אין מקוה, ער איילט זיך צו לערנען א בלאט גמרא פארן דאווענען, און נאכדעם בשעת ער שטעלט זיך דאווענען קומען אים אריין אין קאפ מחשבות פון ענינים גשמיים, אט-דאס הייסט 'מחשבות זרות'.

"אבער ווען איינער שטייט אויף אינדערפרי שפעט, ער גייט צו די פּאָסט און נעמט די צייטונג, און ער זעצט זיך ליינען מיטן גלעזל קאווע אין דער האנט, הערשט דערנאך נעמט ער די טלית ותפילין, און שפאצירט זיך געמיטליך צום בית המדרש, און אויפן וועג שטעלט ער זיך אפ כמה פעמים שמועסן על דא ועל הא, און נאכן הערן אלעס וואס פאסירט מסוף העולם ועד סופו שטעלט ער זיך דאווענען, ווען די מחשבות קומען דערנאך אריין אין קאפ בשעת'ן דאווענען, זענען זיי אינגאנצן נישט קיין 'מחשבות זרות', זיי זענען נישט 'פרעמד'... ער האט זיך דאך געווייקט דערין א שעה צייט, אויב עפעס איז דאס דאווענען פרעמד!"

דאס האט דער אמרי חיים זצ"ל געזאגט בזמנו, ווען מ'האט געדארפט גיין צו די פאסט נעמען א צייטונג, ס'איז שוין אביסל א נחות דרגא. היינט קומט מען אריין אין שול, און ס'איז דא בלעטער מכל המינים מוכן ומזומן, רוב דערפון האבן טאקע נישט קיין סתם נייעס און פאליטיק, אבער קיין דברי תורה האט עס אויך נישט, און אז מ'קוקט אין שו"ע זעט מען אז מ'דארף זיך אפהאלטן פון טון סיי וועלכע איבריגע זאך פארן דאווענען, קוים וואס מ'האט א היתר צו גריסן א 'גוט מארגן'... קוקן אויף סעילס, געשעפטן, איז נישט קיין חומרא יתירה זיך אפצוהאלטן.

חז"ל זאגן 'חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת', זיי האבן צוגעגרייט דער מח צו קענען דאווענען מיט כוונה. א איד זאגט, איך געדענק נאך ווען חסיד'ישע אידן פלעגן נעמען א קאווע, זיך זעצן מיט א 'קדושת לוי' און זיך ווארעמען מיט א חסיד'יש ווארט איידער מ'האט זיך געשטעלט דאווענען, היינט זענען די אויסגאבעס צעשפרייט, נעבן די מקוה און קאווע שטיבל כאילו ס'איז געבינדן איינס מיטן צווייטן.

און דאס איז זיכער אז מ'דארף זיך אפצוהאלטן פון שמועסן סתם נייעס. **הרה"ק רבי מענדיל מרימנוב זצ"ל** שרייבט, אז מיטן רעדן דיבורי חול צופרי פארן דאווענען, שטופט מען אוועק די יראת שמים מיט די הענט. **הרה"ק רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זצ"ל** ברענגט, אז מ'זאל נישט רעדן אפילו 'איין' ווארט פארן דאווענען, ווייל דאס שטערט די כוונה ביים דאווענען.

אויבנאויף זעט עס אויס ווי א חומרא יתירה, אבער למעשה האט עס גאר א שטארקע השפעה אויפן דאווענען. דער מח פונעם מענטש איז א שיינער מכניס אורח, ער שיקט קיינעם נישט אוועק, און אויב האט מען פארן דאווענען געשמועסט, אדער זיך אנגעהערט מיט עפעס א נייעס'ל ביים קאווע טישל אדער אויפן טעלעפאן... קען מען זיך פלוצלינג טרעפן איבער'חזר'ן דער סוגיא בשעת 'ברך עלינו...'

ס'זענען דא וואס זאגן, אז הערן די האטליינס צופרי איז זייער גוט אין די מקומות וואו מען טאר נישט טראכטן פון דברים שבקדושה, ס'איז אמת, דער פראבלעם איז נאר, אז ווען מען דארף שוין טראכטן פון תפילה, זענען די מחשבות נאכאלץ דארט...

**הגה"צ רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל** ברענגט אין זיין ספר 'עבודת בנימין' בשם צדיקים, אז ווען מ'וואלט געוואוסט וויפיל דאס רעדן שטערט פון דאווענען, וואלט מען צוגעמאכט דאס מויל מיט א שלאס, אז מ'זאל נישט נכשל ווערן צו רעדן פארן דאווענען. ס'איז נישט קלאר פון וועלכע שטער דער 'עבודת בנימין' רעדט, אבער אין חכם כבעל נסיון, ס'איז א מציאות וואס יעדער קען זיך אליין איבערצייגן, אז די נייעס וואס מ'האט געהערט אין א קופקע אדער אויפן טעלעפאן זענען בכלל נישט 'זר' בשעת'ן דאווענען.

*

**ס'איז** ידוע די מעשה, ס'איז געווען א איד ר' אברהם ז"ל, וועלכער האט געהאט א מנהג טוב נישט צו רעדן קיין דיבורי חול פארן דאווענען. איין צופרי גייענדיג אין בית המדרש, האט א גוי אים אפגעשטעלט, און געוויזן אז ער האט געטראפן עפעס א שטיק, און ער וויל אים דאס פארקויפן פאר גאר א ביליגן פרייז.

ר' אברהם האט באמערקט אז דאס איז א שטיק גאלד, און ער קען גאר רייך ווערן דערפון, אבער וויבאלד ער האט געהאט א קבלה טובה נישט צו רעדן פארן דאווענען, האט ער געוואונקען פארן גוי ער זאל צוווארטן ביז ער וועט ענדיגן דאווענען, דער גוי האט אבער נישט געוואלט אויסווארטן און עס פארקויפט פאר א צווייטן.

אין הימל איז געווארן א גרויסער רעש, אז רבי אברהם האט מוותר געווען אויף א גרויס עשירות נאר כדי נישט נאכצולאזן פון זיין מנהג טוב נישט צו רעדן דברים בטלים פארן דאווענען, און מ'האט גע'פסק'נט אין הימל אז ער וועט געבענטשט ווערן מיט א זון וואס וועט זיין ווי א שטיק גאלד פאר דער וועלט. דעמאלס איז געבוירן געווארן ביי אים דער הייליגער צדיק **רבי פינחס מקאריץ זצ"ל.**

## הוא מושיענו

המשך פון עמוד א'

### דער קבר וואס האט זיך גערוקט, און וואס עס האט זיך אנטפלעקט

**ש.א.** פון חברה קדישא דערציילט: איין טאג האב איך געגראבן א לאָך פאר א פרישער קבר פאַר אַ נפטר, ה"י. פלוצלינג האט זיך געגעבן א רוק די גאנצע וואנט וואס צעטיילט צווישן דעם קבר וואס איך האב געגראבן מיטן קבר וואס איז דערנעבן, און דער גוף פון דעם וואס ליגט דארט האט זיך אנטפלעקט. צו מיין וואונדער האב איך געזען אז זיין גוף איז גאנץ און די תכריכין זענען ריין אזויווי אינעם טאג פון די קבורה, און אפילו דער גערוך פון דעם קבר איז געווען אזויווי געהעריגע פרישע ערד.

ס'איז מיר געווען אַ גרויסער חידוש. האב איך זיך אויסגעדרייט און אַ קוק געטון אויף זיין מציבה. האב איך צו מיין שאָק געזען, אז דער נפטר לעבט שוין נישט פאַר צען יאָר!!! דאס איז א קבר פון גאנצע צען יאר אלט, און דאָ קוקט עס אויס כאילו מ'האט אים נעכטן באַערדיגט!!! ס'איז מיר געווען א גרויסער וואונדער.

איך בין געווען אזוי דורכגענומען, אז כ'האב זיך נאכגעפרעגט ווער זיין משפחה איז, און איך האב זיך פארבונדן מיט זיי אַז איך וויל רעדן מיט זיי פערזענליך. איך האב זיך געטראפן מיט די משפחה-מיטגלידער און זיי געפרעגט: "וואס האט ענקער טאטע געטון אין זיין לעבן? איר מוזט מיר זאגן! איך האב באגעגנט ביי אים עפעס וואס איז ממש אומגלויבליך! איז ער געווען עפעס א גרויסער גאון אדער צדיק?..."

אבער צו מיין ערשטוינונג האבן זיי געענטפערט אז זייער טאטע איז געווען אַ פשוט'ער, עכט ווארילער, אבער העכסט איינפאַכער איד!

איך האב זיי דערציילט די מעשה וואס איז געשען בשעת'ן אויפגראבן א קבר נעבן זייער טאטנ'ס קבר, אז איך האב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן אז קיין ווארעם איז דארט נישט געווען! און אז דער פאָטער זייערער איז געווען פריש און גאנץ ממש ווי אינעם טאג פון זיין פטירה. דאס איז עפעס אַ חידוש שבחידושים, א דבר נורא מאוד!

נאָכן טראַכטן און טראַכטן, זייענדיג אזוי נתרגש פון די מעשה, האבן זיי מיר געזאגט ווי פאלגנד:

"אונזער טאטע איז געווען אַ פשוט'ער איד, אבער ביי איין נקודה איז ער געשטאנען ממש מיט אייזערנע פעלזן-פעסטע כוחות, און דאס איז געווען: נישט צו רעדן אין ביהמ"ד, בפרט ביים דאווענען, פון אָנהויב ביזן סוף, און די זעלבע ביי קריאת התורה און בין גברא לגברא. אזוי אויך האט ער זיך נישט געדרייט קיינמאל

המשך אויף עמוד ח'

תפלת שבת קודש

# גודל כחה וקדושתה (א)

## חשיבות התפילה בשבת קודש

**דער** באזונדערער טעם וואס די תפילות פון שבת פארמאגן אין זיך, זעען מיר אינעם לשון פונעם **זוהר הקדוש** (ח"ג, רמג.): **'כָּל צְלוֹתִין דְּיִשְׂרָאֵל, רֵיחָא דִּלְהוֹן, כְּרֵיחָא דְּמוֹר וּלְבוֹנָה וְכָל אַבְקַת רוֹכֵל, בִּשְׁאַר יוֹמִין'** - אלע תפילות וואס אידן דאווענען - אין די וואכן טעג - איז זייער ריח ווי די געשמאקסטע בשמים. **'אֲבָל בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים, חָשִׁיב עָלֵיהּ מִכָּל מִינֵי בְשָׂמִים'** - אבער די תפילות וואס אידן דאווענען שבת און יום טוב זענען חשוב ביים באשעפער כביכול מער ווי אלע סארטן בשמים.

דער **מגלה עמוקות** (פרשת ויצא) ברענגט א רמז דערויף, אז די סופי תיבות פון די ווערטער 'ואתה קדו**ש** יוש**ב** תהלו**ת** ישראל' איז **'שבת'**, וויבאלד שבת קודש ווֿארט דער אויבערשטער ספּעציעל אויף די תפילות פון די אידן.

א מורא'דיגע זאך געפינען מיר אין **תיקוני זוהר** (תיקון כא, מה:) אויפן כח פונעם שבת'דיגן דאווענען: **'צְלוֹתָא דְּבַר נַשׁ מְקוּבֶּלֶת קֳדָם ה'"** - די תפילה פונעם מענטש אום שבת קודש ווערט אנגענומען ביים באשעפער, **'וְאִיהִי צְלוֹתָא דַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה'** - און עס איז פונקט ווי די תפילה פון עשרת ימי תשובה.

דער גר"א זצ"ל ערקלערט, אז פונקט ווי אויף די עשרת ימי תשובה זאגן חז"ל **'דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב'**, אז דעמאלס ווערט די תפילה פון יעדן איינציגן איד אנגענומען ביים רבוש"ע, אזוי אויך די תפילות פון שבת קודש פארמאגן דעם זעלבן אויסטערלישן כח און חשיבות ביים אויבערשטן.

*

## מיט די שבת'דיגע תפילות איז מען מעלה די וואכנדיגע

**הרה"ק רבי נתן נטע משינאווא זי"ע** שרייבט אין זיין סידור **עולת תמיד** (דף מו.) אז די תפילות פון שבת גייען ארויף העכער ווי די תפילות פון די וואכן טעג: **'כי בשבת בא אור מגולה, ואין פגע רע, ועולין התפילות מיד בלי הפסק'**. און ער לייגט צו נאכמער, **'תפילת שבת מעלה את כולן'**, די תפילות פון שבת זענען אויך מעלה די תפילת החול וואס זענען געווארן אויפגעהאלטן צוליב עפעס א חטא אדער א חסרון כוונה. און ער לייגט צו דערויף א שיינעם רמז, אז 'שבת' איז ר"ת: **ש'מובחר ב'כל ת'פילות, ת'עלה ב'שער ש'מים**. אויך איז עס ר"ת: **ש'נתעכב ב'חול ת'פילה, ת'עלה ב'שבת ש'מים.**

אויף דעם ענין ברענגט אויך **הרה"ק רבי פייבוש מברעזאן זי"ע** אין ספר **שפת אמת** (פרשת בהעלותך) אז דער עיקר פון תפילה איז דאך אז עס זאל זיין 'עבודה שבלב', אבער אינדערוואכן קען מען נישט אזוי גוט אינזין האבן מיט די ריכטיגע כוונה [ווי ער שרייבט דאס לשון (שם פרשת ראה): **'כל ימי השבוע אנחנו בעבודה בחומר ובלבנים ובכל עבודה בשדה, ואין לנו פנאי אפילו להתפלל ולכוון כראוי, עד שאמרו חז"ל** (עירובין סה.) **יכול אני לפטור את העולם מדין תפלה דשיכור אסור להתפלל'**], נאר אלע תפילות פון די וואכן טעג ווערן נתעלה אין שבת, וואס דעמאלס העלפט דער שבת צו אז מ'זאל קענען דאווענען ערליך און גוט אינזין האבן. און א רמז דערצו איז, אז די ווערטער **'חליתי פניך בכל לב'** (תהלים קיט, נח) איז גימטריא **'שבת'**, דאס איז מרמז אז שבת איז מסוגל צו קענען דאווענען און בעטן מיטן גאנצן הארץ (ע"ש עוד).

*

## דער עיקר פון שבת זענען די תפילות

**דער** הייליגער **יושר דברי אמת** (קונטרס ב, אות טז) שרייבנדיג איבער די גרויסקייט פון שבת קודש, פירט ער אויס: 'כלל העולה, אז שבת איז גאר א הייליגער טאג, וואס דעמאלס שיינט אריין דער אור פונעם אויבערשטן אויף דער גאנצער וועלט, און בפרט אויף די אידן. ממילא ווער עס האט שכל וועט פארשטיין אז דער עיקר פון שבת איז זיך מדבק צו זיין אין השי"ת דורך דאווענען און לערנען; **לכך צריך להיזהר בתפלת שבת מאד מאד, כי זהו עיקר השבת. לא כמו שחושבים המון עם - אפילו בעלי תורה - שאינם חרדים על דבר השי"ת - ומזלזלים בתפלה, יום השבת בעיניהם ענין אחר, לא ידעתי מה...**, נאר דער אמת איז, אז דער עיקר פון שבת איז דאווענען און נאנט ווערן צום אויבערשטן".

### מצות עשה דאורייתא

**א** דבר חידוש לערנען די פוסקים (מובא בפרמ"ג ועוד), אז אפילו די ראשונים וואס האלטן אז תפילה היינטיגע צייטן איז נאר א מצוה דרבנן, דאך אבער איז דאס קומען אין ביהמ"ד דאווענען אין שבתות וימים טובים א מצוה דאורייתא!

ווי דער הייליגער **רמב"ן** שרייבט אויפן פסוק (ויקרא כג, ב): **'מוֹעֲדֵי ה' אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי'**, אז די ווערטער 'מקראי קודש' מיינט צו זאגן אז מען זאל זיך צוזאמקומען דאווענען און לויבן דעם באשעפער. ווי ער שרייבט בלשון קדשו: **'שיהיו ביום הזה כולם קרואים ונאספים לקדש אותו, כי מצוה היא על ישראל להקבץ בבית האלקים ביום מועד לקדש היום בפרהסיא, בתפלה והלל לא-ל, בכסות נקיה'.**

## מְשָׁרְתָיו שׁוֹאֲלִים

שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

הוספה בענין 'בין גברא לגברא'

**שאלה:**

**אין א פריערדיגן גליון איז געווען א שאלה פון א גבאי וועלכער האט מעורר געווען א גאסט, א תלמיד חכם, וועלכער האט גערעדט בדברי תורה בין גברא לגברא, פרעגט דער גבאי צי ער האט געטון ריכטיג, אדער יענער קען האבן א טענה אז ער האט זיך פארלאזט אויפן שיטת הב"ח וואס איז מתיר צו רעדן בד"ת בין גברא לגברא.**

**דער ענטפער איז געווען, אז ער האט געטון כהלכה מיטן מוחה זיין, וויבאלד דער משנה ברורה נעמט אן להלכה למעשה אז עס איז אסור צו רעדן בין גברא לגברא אפילו אין דברי תורה, און אין יענעם ביהמ"ד איז מען מקפיד דערויף.**

**וויל איך מעורר זיין, אז היות דער שיטת הב"ח ווערט געברענגט אין מג"א, שכנה"ג, און אין פרי חדש, קען דאך יענער טענה'ן אז ער נעמט אן ווי די פוסקים, און בפרט אז יענער איז א תלמיד חכם, וואלט אפשר דער גבאי געדארפט אכטונג געבן אים נישט מבייש צו זיין.**

**תשובה:**

**וויבאלד** דער משנה ברורה האט זיכער אויך געזען די ווערטער פון די פוסקים, און דאך נעמט ער אן להלכה אז מען זאל נישט רעדן אפילו בין גברא לגברא, אפילו אין דברי תורה, דערפאר איז דאס די הלכה למעשה, נאכדעם וואס דער משנה ברורה איז אנערקענט ביי כלל ישראל אלס דער פוסק אחרון אין אלע שאלות, און אזוי האבן אנגענומען אויך פילע אנדערע פוסקים, וכן מורין בבי מדרשא.

דערפאר האט דער גבאי אוודאי ריכטיג געטון מיטן מעורר זיין דעם תלמיד חכם. בפרט ווי מיר האבן געשריבן אז ווען מען קומט אריין אין א בית המדרש, איז דאס אדעתא דהכי זיך צו פירן ווי דער מנהג המקום וואס איז

המשך אויף עמוד ח'

די שאלות ווערן געענטפערט דורך הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א, מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן 2#

הגה"צ רבי **בנימין ראבינאוויטש** זצ"ל, בעל עבודת בנימין

# עצות והדרכות צו קענען דאווענען בכוונה (ב)

**אין** ספר '**מעלת המדות**' ווערט געברענגט א משל, צו א מלך וואס האט געוואלט מען זאל אים בויען א הערליכן פאלאץ, ווי דער שטייגער פון מלכים ושרים. ער האט אבער געוואלט אז זיין פאלאץ זאל זיין עפעס איינס אין דער וועלט; עס זאל איבערשטייגן די רייכסטע פאלאצן. האט ער משקיע געווען דערין א הון תועפות צו דינגען די גרעסטע מומחים אין יעדן תחום פון מלאכת הבנוי'. סיי די גרעסטע מומחים וועלכע בויען מיט שטיינער, און אנדערע מומחים וועלכע בויען מיט האלץ און גלאז א.א.וו. ביז ער האט זיך ענדליך דערזען פארטיג מיטן פרעכטיגן, מאיעסטעטישן פאלאץ, מיט רייכע און טייערע איינריכטונגען.

אז ער האט שוין געהאט א פאלאץ איינס אין דער וועלט האט ער געוואלט זיכער מאכן אז דאס בלייבט מיט איר פולסטן שיינקייט, צו זיין באדויער האט ער אבער נישט מצליח געווען מיטן עס האלטן ריין, ווייל ווי דער סדר פון א פלאץ וואו מען וואוינט איז, אז מיט דער צייט ווערט עס אנגעפילט מיט שטויב און שמוץ.

זעענדיג אז מען קען זיך נישט קיין עצה געבן און די שטיבער ווערן כסדר שמוציג, האט ער צאמגערופן זיינע יועצים, וועלכע האבן אים אנגעוויזן אז דער קעניג האט טאקע געלאזט בויען א הערליכן פאלאץ, אבער איין זאך האט מען פארגעסן צו מאכן; א פלאץ פאר די מיסט. און אז עס איז נישט דא קיין ספעציעלער מקום וואו מען לייגט די מיסט ווערט דאס גאנצע פאלאץ פול מיט שמוץ, און עס פארטונקלט דאס שיינקייט פונעם גאנצן פאלאץ.

האט דער קעניג באפוילן אז מען זאל אהערשטעלן אינעם פאלאץ ספעציעלע ערטער וואו צו אוועקלייגן די מיסט, און פון דארט וועט מען עס ארויסנעמען אויף א כסדר'דיגן פארנעם, אזוי האט דאס פאלאץ צוריקבאקומען איר שיינקייט און גלאנץ.

דער נמשל דערפון איז, אז ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען פארן אויבערשטן, וועלן אלעמאל אריינקומען אין אים פארשידענע מחשבות וואס שטערן דאס דאווענען, און דער מענטש קען נישט פטור ווערן דערפון. וואס איז די עצה? מען זאל באשטימען באזונדערע צייטן זיך אפצוגעבן מיט די אלע מחשבות, כדי זיי זאלן נישט ווערן אויסגעמישט מיטן דאווענען. מען דארף ערלעדיגן געשעפטן? בסדר! אבער פארדעם מאכט מען א באזונדערע צייט, נישט יעצט אינמיטן דאווענען. מען וויל דאך אז די עולמות וואס מען בויט פארן אויבערשטן מיטן דאווענען זאלן זיין שיין און ריין ווי ס'פאסט זיך פאר א פאלאץ פון א קעניג.

## זיך איינגעוואוינען צו אינזין האבן דאס דאווענען

**אויב** וויל א מענטש זיך איינגעוואוינען צו אינזין האבן דאס דאווענען, איז די עצה אז ער זאל זיך איינגעוואוינען צוביסלעך מער און מער, ביז עס ווערט ביי אים א געוואוינהייט. דאס איז דער כח פון 'הרגל'. צו יעדע זאך קען א מענטש דערגרייכן דורכן זיך איינגעוואוינען צוביסלעך מער און מער, און דורכדעם כח פון זיך מרגיל זיין קען ער אפילו איבערדרייען זיין טבע ביז עס ווערט אים א צווייטע טבע, און דאס איז דער תכלית פון דער גאנצער בריאה זיך צו איינגעוואוינען ביז מען לערנט זיך אויס צו טון וואס איז ריכטיג.

מיט דעם איז דאך דער מענטש מער ווי אלע נבראים. אין דער גאנצער בריאה איז נישט דא קיין שום נברא וואס האט א בחירה ווי דער מענטש, און דער אויבערשטער וויל אז ער זאל צוקומען צו דעם דורכן זיך איינגעוואוינען צוביסלעך צוביסלעך ביז עס ווערט א צווייטע טבע.

אויך דער יצר הרע ווייסט אז די איינציגסטע וועג וויאזוי א מענטש קען זיך טוישן איז דורכן זיך איינגעוואוינען צוביסלעך, און באמת איז דאס זיין וועג וויאזוי ער באנוצט זיך צו פארדרייען א מענטש און אים פארפירן פונעם גלייכן וועג. ער טוט עס אלעמאל דורכן איינגעוואוינען דעם מענטש, קודם דורך קליינע זאכן וואס זעען אפילו נישט אויס ווי קיין חטא, ביז ער רוקט אים אריין גרעסערע זאכן, ביז ער איז אים אינגאנצן מעביר פונעם דרך הישר.

איך האב אמאל אליין געזען ווי דער יצר הרע האט מצליח געווען צו מעביר זיין אן ערליכן איד פונעם גלייכן וועג. גאנצע דרייסיג יאר האט עס אים גענומען! דער יצר הרע האט דאך צייט און יאגט זיך נישט. ער פארשטייט אז אויב וועט ער אריינרוקן פאר איינעם באלד א גרויסע עבירה וועט יענער אים נישט אויסהערן און זיין ארבעט וועט זיין לריק, און אפילו אויב וועט אים יא געלונגען איינמאל אים מכשיל צו זיין מיט א גרויסע עבירה וועט ער דאך צום סוף תשובה טון און עס וועט גאר נתהפך ווערן פאר מצוות. נו וואס טוט ער? ער וועט אלעס טון צוביסלעך 'בהרגל', אזוי אים מהפך צו זיין מן הקצה אל הקצה.

## נישט אויסלאזן שטיקלעך פון דאווענען

**עס** איז דא א הלכה אין שו"ע, אז ווען א מענטש קומט אמאל שפעט צום דאווענען זענען דא חלקים וואס מען קען אויסלאזן, כדי צו קענען דאווענען בציבור. מען דארף אבער וויסן אז דאס טאר חס ושלום נישט זיין בקביעות. דאס איז נאר אויב עס מאכט זיך אמאל אמאל אזא זאך.

איך האב אמאל אליין געזען א מענטש וואס האט אנגעהויבן אויסצולאזן ביים דאווענען דא און דארט, ביז ער האט זיך שוין איינגעוואוינט לכתחילה אנצוהייבן דאווענען ביי 'ברוך שאמר'. שפעטער איז שוין דאס אויך נישט גענוג געווען, און ער האט אנגעהויבן אויסלאזן ביז קריאת שמע, און שפעטער איז דאס שוין אויך געווארן ביי אים א לכתחילה.

דארף מען געדענקען אז די אלע הלכות אין שו"ע אז מען קען אויסלאזן איז נאר א היתר בדיעבד אויב עס האט זיך געמאכט איינמאל, אבער אויב איינער זעט אז עס ווערט א געוואוינהייט, און ער נוצט דאס צו קומען שפעט בקביעות, איז נישט געזאגט געווארן דער היתר. אזא איינער זאל ענדערש דאווענען דאס גאנצע דאווענען פון אנהייב ביזן סוף און נישט דאווענען בציבור.

## ווען איז 'וגוערין בו'?

**באמת** זענען דא נאך אסאך הלכות וואס מענטשן ווייסן נישט ריכטיג וויאזוי זיי צו מפרש זיין, למשל די הלכה וואס שטייט אז ווען איינער רעדט אינמיטן דאווענען שרייט מען אויף אים. עס זענען דא אסאך מענטשן וואס ווייסן נישט דעם פירוש פון די הלכות. ווי נאר זיי זעען איינעם שמועסן שרייען זיי באלד אויף אים, און דאס ברענגט צו רייבערייען און מחלוקת'ן, און באמת איז לא זו הדרך. יעדע זאך אין דער תורה האט א פירוש און אויך דא דארף מען וויסן דעם פשט דערפון.

אמת אז עס איז דא א הלכה פון 'וגוערין בו', אבער דאס איז נישט די ערשטע זאך וואס מען טוט. די ערשטע זאך איז אז מען גייט צו צו יענעם, און מען איז אים קודם מעורר מיט רואיגקייט, און שפעטער טוט מען נאכאמאל אזוי, און נאר ווען מען זעט אז יענער וויל נישט מקיים זיין די תוכחה דעמאלס איז מען מקיים דעם 'וגוערין בו'.

דער רבוש"ע זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין מקיים צו זיין אלעס וואס שטייט אין שולחן ערוך, און זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

---

**אַדִּיר וְחָזָק** ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

### באמירת הקרבנות בכוונה תלוי חיי נפשנו

**ראה** בזוה"ק פ' וירא, האי מאן דמזכיר בפומיה בב"כ ובביהמ"ד עניני הקרבנות ויכוין בה, ברית כרותה היא דאותן מלאכים המזכירים עונותיו של האדם דלא יכולים לעשות לו אלא טוב. וא"כ הלא כל אחד יודע נגעי לבבו שיש לו עונות הרבה והרבה מקטרגים, וכשיש לנו עצה שלא יוכלו לקטרג ואדרבה יזכירונו לטוב, כמה אנו חייבין לתת ליבנו להעצה ההוא לכוין באמירת קרבנות, שבזה תלוי חיי נפשנו.

(חפץ חיים, פ' וירא)

---

**וַיַשְׁמִיעֵנוּ** ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

### קריאת פרשת תמידין ומוספין בבין המצרים

**קבעו** חז"ל קריאת פרשת תמידין ומוספין בבין המצרים, לעורר לבות בני ישראל להשתוקק על עבודת ביהמ"ק, וגם הקריאה בשבת קודש יהי' חשוב לפניו כאלו הקרבנו.

(שפת אמת, פינחס)

## ואני תפילה

**הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע** האט אמאל געזאגט: "עס איז געווען אין הימל א גרויסער קטרוג ארויסצוגעבן א גזירה אויף כלל ישראל אז זיי זאלן נישט טארן דאווענען, ווייל דאס דאווענען האט גע'טענה'ט אז עס איז נישט דא ווער עס זאל דאווענען ווי עס דארף צו זיין, ביז איך האב געגעבן א געשריי 'ואני תפילה'! איך וועל דאווענען פאר דער גאנצער וועלט, און די גזירה איז בטל געווארן".

ווען **הרה"ק רבי אשר מסטאלין זי"ע** האט דאס אמאל נאכדערציילט, האט ער געזאגט: "דער רבי [הרה"ק רבי שלמה זי"ע] איז געווען דאס דאווענען אליין, און היינט זאגן מיר 'ואני תפילה'."

## די גויים האבן מיטגעוויינט

**דאס** דאווענען איז געווען ביי אים מיט מסירת נפש ממש און מיט א קול רעש גדול. איינמאל, ווען עס איז געווען א מארק-טאג אין שטאט, און רבי שלמה האט געדאווענט ווי זיין שטייגער מיט א הויך קול און גרויס התלהבות, האט דאס געמאכט א שטארקן איינדרוק אויף די גויים אין שטאט, און אלע זענען זיך צוזאמגעלאפן נעבן דעם בית המדרש צו הערן דאס דאווענען, און הערנדיג זיינע געוויינען און קולות האבן זיי מיטגעוויינט מיט אים.

איינמאל איז פארבייגעגאנגען ביים בית המדרש א פריץ מיט זיין ווייב, און הערנדיג דאס דאווענען פון רבי שלמה, האט דער פריץ זיך אנגערופן צו זיין פרוי: "דער איד האט ליב זיין באשעפער אסאך, אסאך מער ווי מיר האבן ליב דאס וואס איז ביי אונז דאס מערסטע באליבט". (ליקוטים)

## ווי איז שייך צו רעדן וועגן מארגן...

**איינמאל** האט א איד געבעטן פונעם צדיק אז ער זאל דעם קומענדיגן טאג אריבערקומען צו אים אין שטוב, דורכצורעדן אן ענין. האט רבי שלמה אים געזאגט: "שוטה! מען דארף דאך דאווענען היינט מעריב און ליינען קריאת שמע, וואס דאס איז מסירת נפש, און מארגן אינדערפרי דארף מען ווידער דאווענען שחרית און דערנאך זאגן נפילת אפים וואס איז אויך מסירת נפש. נו, קען דאך זיין אז דער אויבערשטער וועט ערפילן מיין בקשה אויסצוגיין אויף קידוש ה', איז ווי קען איך יעצט רעדן און דיר צוזאגן אז כ'וועל קומען מארגן צו דיר אין שטוב?..." (בית אהרן אמור)

**עבודת התפילה**
**אצל הרה"ק**
**רבי שלמה הלוי מקארלין**
**זיעוועכ"י**
**נפטר**
**כ"ב תמוז**
**תקנ"ב לפ"ק**

## התפשטות הגשמיות

**א** חסיד וואס האט אמאל מיטגעהאלטן א געוועגליכן וואכנדיגע דאווענען אין קארלין האט דערציילט: "איינמאל בין איך אנוועזנד געווען דארט אין קארלין בשעת די חסידים האבן געדאווענט. מען קען זיך גארנישט משער זיין דאס גרויסע התלהבות וואס זיי האבן געהאט ביים דאווענען! איך האב געזען ווי זיי אלע זענען אראפגעפאלן אויף דער ערד מיט 'התפשטות הגשמיות', און רבי שלמה האט געזאגט עפעס פונעם דאווענען, און דאן האבן זיי זיך דערוועקט. מיר האט וויי געטון פארוואס איך בין נישט אנגעקומען צו דער מדריגה פון דביקות". (ברכת אהרן)

## די חסידים האבן באזיגט דעם שטן

**אמאל** איז אנגעקומען אין קארלינער בית המדרש א בחור, אן עילוי, וועמען די חסידים האבן נישט געקענט פון פריער, און זיי האבן געזען ווי דער רבי הרה"ק רבי שלמה זי"ע איז אים שטארק מקרב. צוביסלעך האט דער בחור אנגעהויבן זיך ארייננדרייען און באקאנט מאכן מיט די חסידים. ער האט אנגעהויבן רעדן מיט זיי אין לערנען און איז געגאנגען פון איינעם צום צווייטן, און מיט גרויס גאונות האט ער זיי אויפגעוויזן אז זיי האבן א שוואכן פארשטאנד אין תורה.

איין טאג, בשעת די חסידים האבן געהאלטן אינמיטן דאווענען, איז ער צוגעגאנגען צו איינעם פון זיי און האט אים געשלעפט דעם טלית און פארגעהאלטן: "וואס דאווענסטו מיט קולות, בשעת דו קענסט איבערהויפט נישט לערנען?!" יענער האט א פארשעמטער אראפגעלאזט זיין קול און אנגעהויבן דאווענען שטיל. אזוי איז ער געגאנגען פון איינעם צום צווייטן און מיט יעדן געטון דאס זעלבע, ביז אלע האבן אויפגעהערט דאווענען מיט א הויכן קול.

נאך עטליכע טעג, האבן די חסידים זיך צוזאמגעשמועסט אז דאס דאווענען איז שטיל געווארן. 'וואס איז געשען', האבן זיי זיך געוואונדערט, 'אז מען האט אויפגעהערט דאווענען בקול רם, מיט א חיות און א ברען?' דאן האט מען זיך געכאפט, אז דאס האט פאסירט צוליב דעם בחור, דער למדן, וועלכער גייט ארום און שטערט זיי צו דאווענען, און זיי הערן אים אויס צוליב דעם התקרבות וואס ער האט ביים רבי'ן.

די חסידים האבן אפגעמאכט צווישן זיך, אז פון היינט און ווייטער וועט מען ווידער אנהייבן דאווענען מיט א רעש און א גרויס התלהבות, און אויב דער בחור וועט קומען שטערן, וועט מען אים אנכאפן און ארויספירן פון בית המדרש. איי, ער איז אזוי באליבט ביים רבי'ן? נו, דאס האט דאך נישט מיט זיי, און מען קען נישט קוקן דערויף ווען דאס דאווענען ווערט דורך אים געשטערט.

וכך הוה, מען האט אנגעהויבן צוריק דאווענען מיט הויכע קולות, און ווען דער בחור איז צוגעקומען צום ערשטן שטערן אינעם דאווענען, האבן זיי אינאיינעם אנגעכאפט דעם בחור און ארויסגעפירט פון בית המדרש.

נאכ'ן דאווענען האט רבי שלמה געזאגט צו די חסידים: "גוט האט איר געטון אז איר האט אים ארויסגעווארפן און איר האט צוריק אנגעהויבן דאווענען ווי אמאל. אין הימל איז געווען א קטרוג אויף אייער פלאם-פייערדיגע דאווענען. דער שטן האט גע'טענה'ט אז דאס וואס איר דאווענט אזוי איז נאר ווייל איר האט מורא פון מיר, אבער איר מיינט דאס נישט מיט אן אמת, האט מען אים געגעבן רשות אראפצוקומען אהער און טון וואס ער האט געטון.

"דער בחור, דער למדן, איז געווען דער שטן אליין. איך האב אים געמוזט מקרב זיין, אבער ווען איר האט זיך געשטארקט אויף אים, און נישט געקוקט אז איך וועל זיך אויפרעגן אויף אייך אויב טשעפעט איר דעם בחור, האט איר דערמיט געוויזן אז איר מיינט עס מיט אן אמת, און איר קוקט אויפן כבוד פון דאווענען, נישט אויף מיין כבוד, און אזוי ארום האט איר אראפגענומען פון אייך דעם קטרוג". (מאורי אש)



## דער חתן שרייבט אַ בריוו פאַר די מתפללים

**לכבוד** מערכת גליון הקדוש 'נקדישך'.

איך האב די זכיי שוין לאנגע יארן צו שטיין על המשמר אז ביי אונז אין ביהמ"ד 'בית שמואל חוסט' זאל זיין שטיל מתחילת התפילה עד סופה. מ'זאָל נישט רעדן גאָרנישט, נישט ביים דאווענען און נישט ביי קריאת התורה. ס'זאָל הערשן אַ פולקאָמע שטילקייט. און ב"ה אז ביי אונז איז עס גאר שטארק אפגעהיטן.

די וואך קום איך אריין אין ביהמ"ד און איך זע אַז אויף דער וואַנט הענגט א 'חתונה בריוול', פון אונזער לאנג יעריגע 'בעל קורא' און דערצו איז צוגעשריבן עטליכע שורות פונעם חתן גופא.

כ'האָב זיך אָפגעשטעלט ליינען וואָס דער חתן שרייבט דאָ פערזענליך פאַר די מתפללים. ווען כ'האָב געענדיגט ליינען בין איך געוואָרן גאָר שטאַרק באַרירט.

און איך וויל עס מיט אייך מיטטיילן.

**לכבוד כל באי ומתפללי ביהמ"ד בית שמוא' ד'חוסט שיחיו כ"א בשמו הטוב יבורך.**

**ברגשי אהבה ושמחה והודאה להשי"ת, אתכבד בזה להזמין את מע"כ לבוא ולהשתתף בשמחתי ביום חתונתי ויום שמחת לבי.**

**וכאן המקום להודות להשי"ת על שנתן לי הזכי' לשמש כבעל קורא בביהמ"ד כמעט ו' שנים מדי שבת**

המשך פון עמוד ה'

**בשבתו, ולהתפלל כאן בין אנשים חסידים המתפללים בהתלהבות, ובמיוחד בזהירות בכבוד ביהמ"ד שלא לדבר בשעת התפילה מרישא ועד גמירא, ובודאי יתקבלו כל התפילות שנתפללו כאן ויבקעו רקיעים וישפיעו כל טוב סלה!**

**המצפה לקבל פניכם באהבה ובשמחה.**

**החתן...**

ס'איז מיר געווען אַ התרגשות צו זען ווי דער חתן ברענגט אזוי שיין ארויס זיין הרגשת הלב בנוגע דאָס חשיבות פון אונזער ביהמ"ד מיט דעם וואָס מ'רעדט נישט מתחלת התפלה ועד סופה אזוי אויך נישט בשעת'ן ליינען אפילו בין גברא לגברא.

כ'וויל צולייגן נאך אן אינטערעסאנטע נקודה, אז נאך די חתונה האב איך עס געוואלט אוועקלייגן אין מיינע ארכיון, אבער דער חוסטער רבי שליט"א האט מיר געבעטן אז ס'איז ביי אים אזא חשיבות אזא צעטל, אז ער וויל דאס האבן ביי זיך אוועקגעלייגט, לזכרון עולם פון דעם כבוד התפילה בהיכל ה'!

ס'וואָלט כדאי געווען אָפצודריקן אַזאַ שיינע ערשיינונג, וקנאת סופרים תרבה חכמה, ממנו ילמדו וכן יעשו.

**אהרן טייטלבוים - בארא פארק**

*

## ארבעים יום קודם...

**א גוטן,** דאָ רעדט אַ חתן! איך האב זיך געהאט אונטערגענומען פאר פערציג טעג נישט צו ליינען קיין גליונות בשעת'ן דאווענען, און איך בין בחסדי ה' א חתן געווארן נעכטן נאכט!

ס'איז געווען אינטערעסאנט, אז אָריגינעל האב איך געדארפט צו ווערן א חתן שוין אינעם 'זעקס און דרייסיגסטן טאג'. דער שידוך איז שוין געווען כמעט הונדערט פראצענט געענדיגט, אבער למעשה זענען אונטערגעקומען קליינִיגקייטן, וואס האבן זיך געשלעפט ביז צו דעם פערציגסטן טאג.

נעכטן איז געווען דער פערציגסטער טאָג, און נעכטן בין איך אַ חתן געוואָרן!!!

איך האב זיך אויך אונטערגענומען אז איך וועל עס מפרסם זיין, רוף איך עס דערציילן.

*

## בדרך צחות...

**ביי** חזרת הש"ץ פון מוסף האב איך באמערקט מיין שכן איז ארייגעטון אין גליונות. נאכן דאווענען פרעג איך אים: "מה הפשט?"

זאגט ער מיר: "**ער האט פארפאסט קריאת התורה, האט ער משלים געווען צו 'ליינען' ביי מוסף...**"

**מ. א. א. - שיכון סקווירא**

*

## אַ וויכטיגע הערה בנוגע דעם 'אַנעקזייעטי' בריוו

**לכבוד** מערכת גליון 'נקדישך'

יישר כח פאַר אייער וואונדערבארער גליון 'נקדישך' וואס איז מחזק אזויפיל אידן וועכנטליך, און איך פערזענליך האב אויך אליין הנאה דערפון.

איין הערה וויל איך אייך זאגן, איך האב געליינט איין וואך די מעשה פון דער איד וואס האט געהאט 'אַנעקזייעטי' און ער האט געזוכט א טעראַפּיסט. ער דערציילט אז ס'האט געקאסט אסאך געלט וואס ער האט נישט געקענט דערהייבן. האָט ער זיך אונטערגענומען א קבלה לגבי תפילה און ער איז געהאלפן געווארן.

ס'איז גאר א שיינע מעשה און ס'קען מחזק זיין אסאך אידן. אבער איין זאך האט מיך געבאדערט, דאָס איז געווען דער 'נ.ב.' וואס ער לייגט צו צום סוף.

ער זאגט דארט, אז ס'זענען נעבעך דא זייער אסאך אידישע קינדער וואס ליידן פון די ביטערע מחלה 'אַנעקזייעטי', מ'לויפט נעבעך ארום און מ'איז פארנומען חדשים און יארן מיט טעראפיסטן און מ'זעט זיך נישט ארויס דערפון. זאגט יענער בריוו-שרייבער, אז ס'איז דא איין איינציגע פתרון, די איינציגסטע עצה וואס העלפט באמת, דאס איז 'נישט רעדן ביים דאווענען'.

וויל איך דא פשוט מעורר זיין. קען זיין אז דער איד וויל ארויסברענגען גאר א שטארקע נקודה, און ס'איז זיכער אַן אמת, אַז מ'טאָר נישט רעדן ביים דאַווענען, און אז אידן זענען זוכה צו שטארקע ישועות בזכות זה. אבער, מ'דארף וויסן אז ס'זענען דא ליידער אומצאָליגע אידן וואס מוטשען זיך מיט די - און ענליכע - סאָרט מחלות ה"י, המקום ירחם עליהם ויוציאם מצרה לרוחה ומאפילה לאורה, און ווען איינער איז קראַנק מוז ער גיין צום דאָקטאָר!

ס'איז לעצטנס געווען אַ גרויסע אסיפה דורך די סאַטמאַרער קהילה אין וויליאַמסבורג, און דארט האט אויפגעטרעטן א גאר פראָמינענטער דיין שליט"א, און ער האָט בשער בת רבים פאָרנט פון טויזנטער אידן געזאָגט קלאָר, אַז ווען איינער האָט אַ חולי הנפש איז ער מחוייב צו גיין זיך היילן ביי אַ מומחה, פונקט אַזוי ווי ווען אַ איד האָט ח"ו אַ פיזישע קראַנקהייט דאַרף ער גיין צום דאָקטאָר זיך לאָזן היילן, ווי די תורה הקדושה זאָגט 'ורפא ירפא - מכאן שניתן רשות לרופא לרפא!' «««««

## דער דיין רעדט צו די קינדער איבער דאס הארבקייט פון רעדן ביים דאווענען

**אל מע"כ מערכת גליון הקדוש 'נקדישך'.**

די פארגאנגענע פ' שלח, געווען א פאנעל אין ת"ת 'אמרי שפר' אין מאנסי, וואו מען האט אראפגערופן דעם זוועהילער דיין אין מאנסי **הרה"ג ר' צבי אריה פריעדמאן שליט"א** - אַן אייניקל פונעם טענקער רב, אויפצוטרעטן פאַר די קינדער שאלות ותשובות הלכה למעשה.

די קינדער און די מלמדים האבן אים דארט געפרעגט אסאך שאלות. אינמיטן האבן זיי געפרעגט דעם דיין שליט"א וועגן דעם ענין פון 'רעדן ביים דאווענען'. איך וויל דאָ נאָכברענגען וואס ער האָט דאָרט געזאָגט צווישן די ווערטער פון זיין תשובה, ווייל פונקט איז דאס געווען אין די טעג פון כ' סיון, וואס איז מיוסד אויף די גזירות פון ת"ח ות"ט, האט ער זייער שארף גערעדט.

איין שאלה וואָס דער מנהל האָט פאָרגעשטעלט דאָרט איז געווען: "אויב איינער רעדט אינמיטן הויכע שמו"ע מעג מען אים פארשעמען?"

האט דער זוועהילער דיין געענטפערט ווי פאלגנד:

הגם ביים לערנען איז דא א מהרש"א אז 'טוב לבטל תורה מלבייש בן ישראל', אבער אז איינער רעדט ביים דאווענען מעג מען פארשעמען!... און ער האט געזאגט, אז אזויווי ווען איינער זעט ווי איינער צינדט אן א בילדינג, וועט ער זיך דען זאגן: "האלא, זאג אים גארנישט ווייל מ'טאר אים נישט פארשעמען"? זיכער נישט, ער וועט זיך נעמען שרייען אויף יענעם מיט גרויסע קולות! די זעלבע זאך איז דא, אז צוליב די אלע מחלות און צרות וואס דאס ברענגט, איז פשוט אז מ'מעג אים פארשעמען דורכן שרייען אויף אים!

דער דיין האט געזאגט, אז דער מחבר (או"ח סי' קכד סעיף ו), זאגט א לשון וואס מ'זעט נישט אין גאנץ ד' חלקי שו"ע: 'מי שמשיח באמצע חזרת הש"ץ הוא חוטא וגדול עונו מנשוא, וגוערין בו'. אין גאנץ שו"ע טרעפט מען נישט אזא לשון, נאר ווען איינער רעדט אינמיטן שמו"ע!!!

אויך האט דער דיין שליט"א דערמאנט א בעל הטורים (דברים כו, יט) וואס ברענגט: **'מי ששח שיחת חולין בבית הכנסת, מקיפין לו כל גופו בקוצים, ולית קץ לעונש לפי ששח שיחת חולין'.** מ'קען אים באווארפן מיט שטיינער, און ער האט געזאגט אז אויב מ'מעג אים באווארפן מיט שטיינער מעג מען אויך פארשעמען.

באַזונדער האט ער געזאגט, אז אזוי ווייסט מען דאך, אז דער קדיש נאך א נפטר איז די גרעסטע זאך, מ'זאגט קדיש פאר עלף חדשים, זאגט אבער דער ערבי נחל אין פר' יתרו א פחד'יגן לשון: ווען א קינד זאגט קדיש נאך א טאטע, טאמער דער טאטע האט גערעדט ביי קדיש, העלפט נישט דאס קדיש פונעם קינד!!!... נורא נוראות!!!

דער דיין האט דערמאנט אז מ'האט מגלה געווען מן השמים פארן תוס' יו"ט, אז די גזירות ת"ח ות"ט איז געווען וויבאלד מ'האט גערעדט ביים דאווענען, און וועגן דעם האט ער געמאכט דעם הייליגן 'מי שברך'. אזוי אויך האט ער נאכגעזאגט וואס דער **בעל שבט הלוי זצ"ל** האט כמה פעמים געזאגט, אז יענע מחלה ה"י קומט ווייל מ'רעדט אינמיטן דאווענען און קריאת התורה.

די דיבורים פונעם דיין שליט"א, מיט די אלע פייערדיגע שטיקלעך, האט איבערגעלאזט גאר א שטארקן רושם אויף די קינדער, און איך מיין אַז ס'איז אַ זאך וואס איז כדאי נאכצוברענגען אין אייער גליון, מעורר צו זיין אידישע קינדער איבער קדושת התפילה.

המשך פון עמוד ה'

דעריבער איז עס פשוט א גרויסער אחריות, אז א מענטש קען ליינען אין אַ גליון אזא דערהער, אז ווען מ'האט א פראבלעם זאל מען נישט גיין זיך היילן נאָר זיך אונטערנעמען אנשטאט דעם א קבלה פון נישט רעדן ביים דאווענען, עס קען ח"ו אָפשוואַכן ביי אַ מענטש דעם רצון זיך צו גיין לאָזן העלפן.

אוודאי דארף מען א וועלט מיט תפילות אז די רפואות זאלן ווירקן בעז"ה, און אוודאי דארף מען זיך מקבל זיין קבלות טובות און בזכות זה זען ישועות ורפואות, אָבער דאָס נעמט נישט אוועק קיין כי היא זה פונעם 'חיוב' צו גיין זיך העלפן ביי אַ רופא וואָס וועט אים בעז"ה העלפן אנקומען צו א רפואה.

ס'איז ליידער א שווערער מצב היינט מיט די אַלע אַנעקזייעטיס און אַנדערע נפשיות'דיגע ווייטאָגן. אזויפיל אידן דארפן צוקומען צו דעם, ה"י. אידן יונג און אַלט, מענער און פרויען, לויפן ארום חדשים און יארן מיט טירדות און עגמת נפש, און מ'זעט זיך נישט ארויס דערפון רח"ל. דאַרף מען זייער אָבאַכט געבן חלילה נישט צו שרייבן עפעס וואָס קען זיך אַרויסדרינגען פון דעם אַז זיי טוען נישט די ריכטיגע זאַך, ווייל דאָס קען זיי אָפקילן פון זיך לאָזן העלפן.

נאכאמאל אַ גרויסער יישר כח פאר אייער גליון. ס'איז מורא'דיג און געוואַלדיג וואס ס'טוט אויף. יא, איר זאלט וויסן קלאָר אַז איר טוט אויף מורא'דיג אסאך, מ'זעט די אויפוואכונג אין די גאנצע וועלט. נישט רעדן ביים דאווענען איז געוואָרן אַ כבוד, אַ סטאַנדאַרט. דאָס איז קיינמאל נישט אזוי געווען. שכרכם הרבה מאוד!

**תשובת המערכת: א גרויסן יישר כח פאַר אייער הערה. איר זענט הונדערט פראָצענט גערעכט מיט אייער אויפפאַסונג, און מיר וועלן אי"ה בעתיד זיין מער וואַכזאַם אַז ס'זאָל זיך נישט אַרויסנעמען אַן אומריכטיגער משמעות. הצלחה רבה!**

*

## צוויי וואָכן דערינען, האט עס פאַסירט

**אל** מע"כ המערכת של גליון הק' 'נקדישך'.

איך וויל אייך מיטטיילן מיט א מורא'דיגע מעשה וואס איז לעצטנס געשען, און איך האב עס אליין מיטגעהאלטן.

מיין נאנטער קרוב האט געדארפט א חתן ווערן. האט ער געמאכט איינמאל א קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען, און עס איז נישט געווארן. האט ער נאכאמאל זיך אונטערגענומען פאר פערציג טעג, און זיך אויך אונטערגענומען צו מפרסם זיין די מעשה, און ב"ה תיכף צוויי וואכן אריין אין דער קבלה איז ער שוין א חתן געווארן.

ס'איז געווען א גרויסע ישועה בזכות נישט רעדן ביים דאווענען.

א גרויסן יישר כח פאר אייער הייליגע ארבעט; אשריכם ואשרי חלקיכם!

## פייערדיגע דיבורים פון
## כ"ק אדמו"ר **מתולדות צבי ספינקא** שליט"א
### אצל עריכת שלחן ההילולא של זקינו הרה"ק החקל יצחק מספינקא זצ"ל
### בביהמ"ד ק"ק תולדות צבי ספינקא, ביומא דהילולא י"ג סיון

**אל** מע"כ מערכת 'נקדישך'.

ווי איר האָט שוין כמה פעמים נאָכגעברענגט אין אייער גליון טוט כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א כסדר מעורר זיין איבער קדושת התפילה, נישט צו רעדן ביים דאַווענען, און במיוחד פירט דער רבי שליט"א זייער אַ שטאַרקע מערכת קודש איבער דעם אז א טעלעפאן זאל זיך נישט געפינען אין ביהמ"ד, ווייל ס'איז אַ בזיון פאַרן בית ה' און ס'שטערט די עבודה שבלב זו תפילה.

דעם פארגאנגענעם מיטוואך נאכט פ' בהעלותך, איז געווען א יארצייט סעודה פון זיין הייליגן זיידן, דער חקל יצחק מספינקא זי"ע, און אינמיטן די דברות קודש האט זיך אַ טעלעפאָן צעקלונגען...

ווי נאָר דאָס האָט פאַסירט האָט דער רבי שליט"א פארקירעוועט די נושא פון די דברות קודש, רעדנדיג איבער'ן גדלות פונעם הייליגן בעל הילולא, און באמצע הדברים זיך גענומען רעדן גאר שטארקע דיבורים איבער דעם מורא'דיגן בזיון פונעם בית המדרש אז ס'צעקלינגט זיך א טעלעפאן אינמיטן ביהמ"ד, און ווי נישט בכבוד דאָס איז פאַרן מלך מלכי המלכים השוכן בבית הזה.

*

פאָלגענד איז אָפגעדרוקט לשון קדשו וואָס דער רבי שליט"א האָט משמיע געווען בקול רעש גדול, וואָרט ביי וואָרט:

*"דער הייליגער זיידע דער חקל יצחק וואלט דאס נישט איבערגעטראגן אזא זאך. ס'איז א בזיון ביהמ"ד. נישט משיג צו זיין! א מענטש טראכט נישט אריין, מען פארשעמט דעם רבוש"ע כביכול!*

*להבדיל אונז דארף מיר גיין ברענגען ראיות חלילה פון אנדערע פון די אומות העולם? פארוואס זאל מען נישט אליין וויסן אַז אַריינברענגען אַ טעלעפאָן אין ביהמ"ד און בלייבן צוגעבינדן צום דרויסנדיגן גאַס קומט נישט אין באטראכט?! וויפיל מאל האמיר שוין פון דעם גערעדט?!*

*כ'קען ענק אַזויפיל זאָגן, אַז דער טאטע זכר צדיק לברכה וואלט נישט אריינגעקומען אין א ביהמ"ד ווען אזא זאך פאסירט. ער וואלט גארנישט אריינגעקומען, ער וואלט געבליבן אין שטוב!*

*ער האט געזאגט בחייו: "קען זיין ס'וועט קומען א צייט איך וועל דאווענען אין מיין שטוב, איך וועל נישט אריינגיין אין ביהמ"ד"! לכאורה האט ער געמיינט דעם זמן. ס'איז דער גרעסטער בזיון פאר די שכינה הקדושה! דער גרעסטער בזיון פארן מלך מלכי המלכים. לאמיר זיך מתבונן זיין: וועם פארשעמט מען דא? וואו זעמיר דא, אונז וויל מיר דאך דעם אמת, אונז וויל מיר עפעס באקומען!*

*זאל א איד אריינטראכטן: מיר קומען שבועות מקבל זיין די תורה, איך וויל דער אויבערשטער זאל מיר עפעס געבן. וויאזוי זאל מען מיר געבן אז איך פיר מיך נישט אויף בכבוד מיט אים? אז מיר נעמען אים נישט אויף בכבוד אין 'זיין' מקום, ס'איז דעם אויבערשטנ'ס מקום, ס'באלאנגט נישט צו קיין שום יחיד, מ'קען זיך אויס'פועל'ן אויף א מקום של קדושה, ס'באלאנגט פארן אויבערשטן.*

*אז מ'קומט אין ביהמ"ד און מ'לעשט נישט אויס דעם טעלעפאן, איז נישט קיין ספק אז מען איז מבזה דעם רבוש"ע, נישט קיין יחיד. עס האט מיט קיינעם נישט קיין שייכות. ס'איז א בזיון פארן בורא כל עולמים. מען דארף זיך אננעמען פאר כבוד שמים!*

*דאס זיך אננעמען פאר כבוד שמים איז ביי יעדן אין די האנט ס'זאל אזא זאך נישט פאסירן, מען טרייבט ארויס די שכינה פון ביהמ"ד, ס'איז א חטא בין אדם למקום ובין אדם לחבירו.*

*מיר האבן דערמאנט דעם עבודת ישראל, אז עס קומט א איד אריין אין ביהמ"ד דאווענען, און ער איז זיכער אז דער אויבערשטער גייט אים אויסהערן, זאגט ער, אויב ס'פאסירט אזא זאך, איז ער גורם אז מען זאל א צווייטן נישט אויסהערן, אזוי זאגט דער קאזשניצער מגיד, "מען וועט אים נעמען צו דין תורה בשמים".*

*"בין אדם למקום" קען מען זיך נאך פארענטפערן, דער אוהחה"ק פארענטפערט עס, אבער "בין אדם לחבירו" איז נישט דא קיין שום תירוץ שבעולם!*

*עס זיצן יעצט אידן דא אין ביהמ"ד, און ווילן אז דער זיידע דער חקל יצחק זאל זיי העלפן, ער זאל איינרייסן פאר זיי פאר ישועות ורפואות! אויב איז מען מבזה דעם מקום השכינה הקדושה אין אזא זמן, וויאזוי וויל מען ער זאל קענען ארויסגיין פון וועג א טובה טון? וויאזוי קען מען דען געהאלפן ווערן?*

*דער רבוש"ע זאל זיך מרחם זיין. דער גלות גייט נאך אן, מיר ווייסן נישט ווילאנג נאך, אבער כבוד ביהמ"ד זאל זיין ביי יעדן הייליג. זאל יעדער זיך אננעמען פארן באשעפער. מען נעמט זיך נישט אן פאר קיין יחיד דא.*

*מיר ווילן נאָר זיכער מאכן און זיך אויסנעמען אז דער מקום קדוש באלאנגט צום בורא כל עולמים, ס'באלאנגט נישט צו קיינעם, און ווער ס'פארשעמט דא דעם אויבערשטן זאל ער וויסן וואס ער טוט, און אזא זאך זאל מער נישט פאַסירן.*

ע"כ די חלק דברות קודש פונעם רבי'ן שליט"א בנוגע קדושת ביהמ"ד.

אין דעם זכות אז מיר וועלן אפהיטן דעם אויבערשטנ'ס כבוד, וועט דער הייליגער באַשעפער קענען מקבל זיין אידישע תפילות, אידישע קינדער זאָלן אויפגעראָכטן ווערן, מתוך רחמים וחסדים גדולים, מיט א שמירה עליונה ברוחניות ובגשמיות, ביז מ'וועט שוין זוכה זיין מקבל צו זיין דעם גואל צדק, במהרה בימינו אמן.

# הוא מושיענו

המשך פון עמוד ב׳ אינדרויסן בשעת'ן דאווענען און קריאת התורה. דאָס איז די איינציגסטע ספעציעלע זאך וואס מיר געדענקען פון אים!"

דערציילט דער חברא קדישא מאן, אז בהשגחה פרטית האט ער פונקט יענע וואך ווען ס'איז געשען די מעשה, געזען די הבטחה פון דעם גאון און מקובל רבי חיים פאלאג'י זצוק"ל, אין זיין ספר 'תוכחת חיים' אין פרשת תרומה. און ער שרייבט דארט ווי פאלגנד: דער וואס איז געווארנט נישט צו רעדן אין ביהכנ"ס און אין ביהמ"ד, בפרט בשעת'ן דאווענען און קריאת התורה און בין גברא לגברא, וועט מאריך ימים זיין, חפץ ה' בידו יצליח, עס וועט אים נישט פעלן קיין פרנסה, און נאך זיין אריכות ימים וועט זיין נפש רוען רואיגערהייט, און זיינע ביינער וועלן נישט צעגיין! און רבי חיים פירט אויס: דאס איז אויסער וואס ער איז זוכה אז דער באשעפער הערט זיינע תפילות!

נאָכן זען דעם רבי חיים פאלאג'י 'פונקט דעמאלס', האט שוין דער חברא קדישא מאן זייער גוט פארשטאנען די גאנצע מעשה. יא, דער איד איז געווען אפגעהיטן בקדושת התפילה, און זיינע ביינער זענען געבליבן גאנץ פונקט ווי אינעם טאג פון זיין פטירה. פלאי פלאים!

*

אָט-די מעשה האָט דער בחור פון אונזער ביהמ"ד געהאַט געזען, אַזוי ליינענדיג פארשידענע צעטלעך און גליונות.

דערציילט דער בחור: אז ער איז בעצם געבוירן געוואָרן אַלס אַ שרעקלאָזער מענטש. גאָרנישט קען אים נישט דערשרעקן. פון ווען ער איז א פיצל קינד, לעבט ער אן קיין שום פחד. גארנישט דערשרעקט אים נישט. נישט קיין שרייערי, נישט קיין מלמדים און מחנכים און נישט קיין פעטש.

אבער פון איין זאך האט ער יא א מורא'דיגע שרעק, ער ציטערט מורא'דיג שטארק פון 'ווערעם', און ווען נאר ער האט געטראכט פון לאחר מאה ועשרים, האָט ער אלץ זיך געזארגט אז ווארעמלעך זאלן אים נישט אויפעסן זיין קערפער... ער איז ממש געווען גרייט צו טון אלעס אויף דער וועלט זיך אָפּצוהיטן דערפון.

נאכדעם וואס ער האט געזען אזא מעשה, מיט אזא קיום הבטחה, אז ווען איינער רעדט נישט ביים דאווענען וועלן ווערעם נישט האָבן קיין שליטה אויף זיין קערפער און זיין גוף וועט בלייבן גאַנץ, האָט דאָס תיכף גענומען בליצן ביי אים אין מח, און ער האט באשלאסן, פיין! איך האָב אַן עצה, אַ גוטער מעטאָד וויאַזוי זיך אָפּצוהיטן פון די וואָרעמלעך לאחר פטירתי!

ער האָט זיך גענומען אָפּהיטן נישט צו רעדן קיין וואָרט אין ביהמ"ד. נו, אז מ'רעדט נישט ביים דאווענען איז דאך נישט דא וואס צו טון עפּעס אנדערש, מוז מען דאַווענען... און אַז מ'דאַווענט ערליך ווערט נשפּע אַ קדושה אויפ'ן מענטש. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אַ ראָד אויף צוריק! ער האָט, צוביסלעך, אנגעהויבן ווערן אַ נייער מענטש! און אַזוי איז ער פארוואנדלט געווארן אין אַ פולקאָמער בעל תשובה. אן ערליכער, איידעלער, חשוב'ער בחור.

אַנשטאָט צו זיין דער שוואַכסטער אין ביהמ"ד, איז ער געוואָרן דער בעסטער און חשוב'סטער, אויף וועמען דער גאנצער ציבור האט ארויפגעקוקט!

*

יא, טייערע אידן, אלעס הייבט זיך אָן ביים דאַווענען צום רבונו של עולם. דאס איז דער יסוד פון א איד. דער יסוד פון די אמונה טהורה בה' אלקי ישראל, אז אלעס וואס מיר דאַרפן קענען מיר ביי אים בעטן, און דער רבוש"ע איז שומע תפילת כל פה ברחמים!

אַזוי אויך זעט מען פון דעם ווי שטארק ס'איז דער כח פון דעם אז מ'איז מפרסם די אַלע הייליגע ברכות וואָס ס'שטייט פון די פריערדיגע אין די ספרים הקדושים, וואָס עס וועלן קומען אויף דער וואָס איז אָפּגעהיטן נישט צו רעדן ביים דאַווענען. גאָרנישט האָט נישט געקענט רעדן אזוי צו דעם בחור, ווי אָט דער צעטעלע וואָס האָט אַנטהאַלטן די וואונדערליכע ברכה והבטחה פון רבי חיים פאלאג'י זצוק"ל וואָס דאָס האָט אים אַריינגעצויגן אַז ער זאל אויך וועלן זוכה זיין דערצו, און אזוי האָט ער דערגרייכט אזא הערליכע מדריגה. מען קען קיינמאל נישט וויסן וועלכע צעטל, וועלכע מעסעדזש, וועלכע פעולה, וועט כאפן דעם מענטש און אים ברענגען אויפצוהערן רעדן ביים דאווענען.

זאָלן מיר אַלע זוכה זיין צו קענען מקדש זיין דעם שם שמים, און יעדער זאָל האָבן אריכות ימים ושנים, מיט אלע גוטע ברכות, בשורות טובות און הצלחה רבה וסייעתא דשמיא בכל העניינים.

# מְאֵרְתָיו שׁוֹאֲלִים

המשך פון עמוד ג׳ דארט איינגעפירט (וכן שמעתי מידידי הגה"צ רבי יחיאל מיכל שטיינמעץ שליט"א).

ומידי דברי בו, וועלן מיר איבערגעבן וואס מיר האבן אמאל געהערט פונעם **סערדאהעלער רב און אב"ד שיכון סקווירא, מו"ר הגה"צ רבי משה ניישלאס זצ"ל**. עס איז אמאל געקומען צו אים א שווערע שאלה, און ער האט גע'פסק'נט לאיסור. האבן אנדערע רבנים אים געפרעגט, אז ער פלעגט דאך אמאל פסק'ענען להיתר ווי דער שולחן ערוך הרב וואס נעמט אן לקולא. האט הרב ניישלאס זצ"ל געענטפערט, אז אמאל פלעגט ער טאקע אזוי פסק'ענען, אבער היות היינט זענען פארשפרייט און אנגענומען געווארן בכל תפוצות ישראל די פסקים פונעם משנה ברורה, דערפאר דארף מען אלעמאל פסק'ענען ווי דער משנה ברורה אויף לחומרא, אויך ווען דער שולחן ערוך הרב נעמט אן לקולא, אויסער אין פעלער וואס עס קומט אויס א סתירה, צ.ב.ש. ביי זמנים א.ד.ג., וואס דעמאלס נעמט מען אן ווי דער שולחן ערוך הרב [ויצויין, דבענין זה גם בשועה"ר לא מצינו היתר כזה לדבר בין גברא לגברא אף בד"ת].

אזוי שרייבט אויך **הגאון הגדול רבי מאיר בראנדסדארפער זצ"ל**, חבר בד"ץ העדה החרדית - בעל קנה בושם, אין זיינע כללי הוראה, אז היות עס איז מן השמים צוגעפירט געווארן אז דער משנה ברורה איז געווארן די נחלת הכלל וואס מען לערנט בכל תפוצות ישראל, דערפאר דארף מען זיך אלעמאל רעכענען מיט די פסקים פונעם משנה ברורה און נישט מקיל זיין.

בענין וואס מען שרייבט אז יענער איז א תלמיד חכם און מען דארף מער אכטונג געבן אויף זיין כבוד, האבן מיר טאקע געשריבן אזוי, אז מען זאל רעדן מיט איידלקייט און מיט א זהירות בכבודו, ובאמת דארף מען פרובירן בדרכי נועם אלעמאל און מיט יעדן, און נישט נאר ביי א תלמיד חכם.

מאידך גיסא, דארף א תלמיד חכם אויך מער נזהר זיין און נישט רעדן וואו מען טאר נישט, וויבאלד אנדערע לערנען זיך אפ פון אים, און אויב ער איז מקיל וועלן אנדערע נאך מער מקיל זיין און אריינציען דאס רעדן אינעם ליינען אריין אדער רעדן אויך דברי חול, וואס אויף דעם איז נישט דא קיין שום היתר.

מי שברך שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תוֹרָה וְאֵיזֶה דִיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כְּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוֹךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org